1 .1 - גם

ג ם | גאַם | - אדוו. אויך (געניצט ס'רוב אין

לומדישן אָדער פּלומרשט לומדישן לשון אין אַמאַליקע

בריוו/דאָקומענטן. % וגם | וועגאַם | - און אויך .

1911 " גם זײַ וויסן, בעלצי היקרה [...]".

שלום=עליכם, 23, [illegible] ס' [2].

... " זיצן זיך טאַקע בחורים וגם בתולות".

אנכי, ~~רב אבא~~. 6, ס' [2].

0 גם=כן | גאַם=קײן | - דזוו דפּוו.

1/ב 1888 " באַקאַליע איז גם כן נישט שלעכט". שלום=עליכם, 22, 242.

1955 " אַ מעשה נורא, אַ מעשה נפלא // מיטן יידן,

1/ג גם=כן מיט דער קאַזע". סיגאל, 4, 101.

ם 1766 " גם הסכמנו דער ניט שני שנים רצופים האט

1/א זײַן חודש געלט ניט געבן |...|". תקנות ק"ק

ניקאָלסבורג.

ג מ א ך – דער, =ן. (פאל) א גרויסער בנין.

% מ׳האט אויפגעשטעלט א מויער, אפשר פון 10 שטאק,
א גמאך. ס׳איז דען א שאפע? – ס׳איז דאך א גאנצער
גמאך.

*p: gmach.*

ג ם  א ת ם |גאַם אַטעם| - פֿר. טראַדיציאָנעלער אָפּענטפֿער

אויף אַ ווינטשעוואַניע. % לשנה=טובֿה איַיך,

מע זאָל דערלעבן איבער אַ יאָר און זיַין געזונט! -

גם אתם!

1921 " גם אתם! איַיך קומט אַ מזל=טובֿ, חבֿר! - ענטפֿערט

יענער שמייכלענדיק. ראובֿני, 80.

(1,)

?נ?　　ג מ ו ל |גמול| – דער, בא. (לל) באַלוינונג, קאָמפּענסאַציע.

... " דעם ענין פֿון גמול און עונש פֿאַרשטייען מיר

11　　|...| ניט און מיר פֿאַרשטייען אויך ניט, ווי זײַנע דינים גייען, און גאָט איז גערעכט מיט זײַנע משפּטים".

חובות הלבבות, 4, 262.

1864 " מיר האָבן אײַנגעבעטן נאָך אַ דאָקטאָר, ער זאָל

12　　גיין בלי תשלום גמול". צ׳ קמ׳ (פּאז 177), נ׳ 16, ז׳ 244.

1948 " ס׳ליגט, ווי איך אַ גוטער באַנק, אָוועקגעלייגט

קאנק　　דער גמול לרשעים, דאָס געצאָלטס פֿאַר די וואָס ס׳קומט זיי". דער נסתר, 6, 407.

גמור |גאַמור| - אַדי. ווע גמורה |גמורע|, מצ גמורים.

(לל) פֿאַרענדיקט, פֿולשטענדיק, אַבסאָלוט.

% יענער איז אַ נאַר, אַ שוטה גמור. דער בחור איז

אַ גוי גמור, קען רעכט ניט דאַווענען.

1896 " האָבן זיי מודיע געווען בפֿקודת הדיינים, אַז

זיין ווייַן איז אַ חמץ גמור, האָבן זיי דעם ווייַן 14

אויסגעגאָסן". וו. שפּירא, 154.

1935 " דו ביסט אַן עם=הארץ גמור". באַשעווויס, 1, 184. קאנק

1953 " וואָס איז שייך צדיקים גמורים, וואָס האָבן

גאָר קיין גרונד ניט תשובֿה צו טאָן |...|". 15

ח. גרינבערג, 2, 94.

0 בסדר גמור |בעסיידער גאַמור| - אַדוו פֿר. (רעג. ישראל)

איך בעסטער אָרדענונג, אַלץ איז גוט.

17 מוחל זייַן במחילה גמורה |בימכילע גמורע| - פֿאַרגעבן,

אַנטשולדיקן פֿולשטענדיק, פֿון גאַנצן האַרצן.

... " צוזעענדיק פֿון איר אַזוי פֿיל געטראָשאַפּט,
האָט איר יוסעלע מוחל געווען במחילה גמורה 15/א
אַלע יסורים". שלום=עליכם, 98,25.

פּוול: אויף דעם אָרט ווו דער בעל=תשובה שטייט(איין) קאָן אַפֿילו א צדיק גמור ניט שטיין". - אויסדרוק פֿון דער הויכער אָפּשאַצונג, וואָס יידן גיבן דעם בעל=תשובה; ס'איז אָבער דאָ אויך אַ ווולגאַר=סאַטירישער צוגאָב צום ווערטל: "... ווייל סע שטינקט דאָרט".

... " פֿלוצלינג האָט איין טכויר אנגעהויבן |...|
שוויצן מיט אַ ריח ווי פֿון אַ בעל=תשובה, נעבן 20
וועלכן עס קען אַפֿילו קיין צדיק גמור נישט
איינשטיין". פּרץ, 12, 96.

1685 " איז ער איין רשע גמור זא איז ער האָרט
נאַקדיג". דרך הישר לעולם הבא, כז - II. 19

ג ם=זו=ל ט ו ב ה |גאָם=זע=לעטויווע| - פּר. אויך
דאָס איז צום גוטן (טראַדיציאָנעלער זאָג פֿון ייִדן
מיט בטחון, ווען עס טרעפֿט אַ שלעכטע פּאַסירונג).

1867 "אַ מענטש מוז אַלעס מקבל באהבה זײַן און

5 זאָגן <u>גם זו לטובה</u>". ~~צ' ווארשויער יודישע ציימונג,~~ פּעור 57,
<u>ג' 36, ז' 323</u>.

1915 פרץ "אַוודאי איז דאָס '<u>גם זו לטובה</u>', |...| וואָרעם

6 וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען מע זאָל מיר הייסן,
איך זאָל די רגע נעמען די פֿיס אויף די פּלייצעס?"
<u>שלום=עליכם, 15, 219</u>.

1929 "אַלץ איז בײַ אים <u>גם זו לטובה</u>, ס'איז גאָר

7 קיין שלעכטס ניטאָ". <u>אבטשוק, 68</u>.

|| גם=זו=לטובהדיק |גאַמזעלעטויוועדיק| – אדי/אדוו.

(שנש) אָפּטימיסטיש, בטחונדיק.

1964 " צווישן זיך זענען אָט די פּשוטע, גם=זו=לטובהדיקע

יידן בדרך כלל גאַנץ מונטער". ד. טוואַרדאָווסקי, פּױ 38, 9

זשלגק, נ׳ 49, ז׳ 190.

גם=זו=לטובהניק |גאַמזעלעטויווענעיק| – דער, =עס. (שנש)

אָפּטימיסט, בעל=בטחון, אויך אַ גאַכגיביקער מענטש.

1956 " |...| איז דאָך אַ יושר, אַז זיי |די ליטעראַרישע

שאַפונגען אין יידיש| ביי אונדז בלייבן לעבן, 10

ווי גם=זו=לטובהניקעס מיינען, אין איבערזעצונג".

מ. יפה, זשלגק נ׳ 25, ז׳ 324.

(פּױ 38 ,

ג מ ט ר י א / ג מ ט ר י ה ---><u>גימטריא</u>.

גמילות=חסד |גמילעס=כעסעד| - דער, =ים.

|~ כאסאדים|. 1. הלוואה, געלט, געליִען אָן
פּראָצענט, ווי א טובֿה. % נעמען, לייען א
גמילות=חסד.

1887 " פֿאַרשטייט איר, רב סענדער? האָב איך ביַי איַיך
געוואָלט בעטן אַ גמילות=חסד אויף אַ קליינער ציַיט". 31
שלום=עליכם, 39,22.

1901 " און ביַי חיימען שפּאַרן אַרויס די אויגן פֿון
קאָפּ: אַ גמילות=חסד, ווו קיריגט מען אַ גמילות=חסד?". 32
א. רייזען, 3, 45.

1968 " סולקעס דערהערט אַ ן איבערגעשראָקן קול, וואָס
בעט ביַי אים אַ ניַיעם גמילות=חסד, כדי צו קענען קאנק
באַצאָלן אַ ראַטע פֿון פֿריערדיקן גמילות=חסד".
גראַדע, 7, 245.

2. א טובה, מעשים טובים, גוטס וואָס מע טאָט פֿאַר מענטשן.

|1819?| " אוב שמעון ווייסט, אז ראובן זייני קינדר

30 זיינען בטלנים אונ זיא ווערן זייני קינדר מבטל זיין

פון דעם לערנען זאל ער דעם <u>גמילות חסד</u> ניט טון".

<u>ס' חסידים, סימן קנה - 28.</u>

1890 " ביז מתן=תורה איז די וועלט געשטאַנען אויף

30/א איין פֿוס פֿון <u>גמילות=חסדים</u> |...|". <u>דובנער מגיד</u>,ד-<u>II</u>.

1972 " |...| פֿאַררעדן דעם, יצר=טוב די צייַן, ס'זאל

קאנק הייסן, אַז ער איז עוסק אין <u>גמילת=חסדים</u>, איז

ער גבאי אין חברה=קדישא |...|". <u>באַשעוויס, 263</u>.

3. נאָמען פֿון דער אינסטיטוציע, באַנק וואָס פֿאַרנעמט

זיך מיט געבן גמלות=חסדים(הלוואות אָן פּראָצענט).

1917 " אין <u>גמילת=חסד</u> ווערט געליִען מזומן געלט פֿון

ברוש א רובל ביז פֿופֿצן". <u>ליטוויך, 3, 9.</u>

1954 " די באַרא פֿון גמילות חסד אי, אין גרויסן
בית=מדרש". ה. שישלער, יזב בעלם, ז' 109. 34.

1968 " די מנדבֿים פֿון דער חבֿרה גמילות=חסדים
פֿאַרלאַנגען ניט, מען זאָל שינדן די הויט פֿון קאַנק
נויטבאַדערפֿטיקע". גראַדע, 7, 246.

0 גמילות=חסדיק=באַנק — די, = ~ בענק. פֿינאַנץ=
אינסטיטוציע, וואָס טיילט צו הלוואות אָן פּראָצענט.

גמילות=חסדים=קאַסע — די, =ס.

1953 " אין יאָר 1903 האָט מען |...| באַקומען די
רעגירונגס=באַשטעטיקונג פֿאַר דער גמילות=חסדים=קאַסע". 38
נאָך שבת וועל איך אָפּגעבן די שליסלען". גראַדע, 7, 252.
נ. קאַמינסקי, יזב 3, 46.
1968 „מען קען איך ניט גבאי פֿון דער גמילות=חסדים=קאַסע.

חבֿרה|כעוורע|גמילות=חסדים - דזוו דפֿוו.

1887 " ביי אונדז אין שטעטל איז נישטאָ ניט קיין
בית=החולים, ניט קיין ת"ת |=תלמוד=תורה|, ניט 38/א
קיין |...| חבֿרה ג"ח |=גמילות=חסדים|". ~~צ' יזפאל~~, פֿרו 74
נ' 22, ז' 332.

בעל=גמילות=חסד |באַל=...| - דער, מצ בעלי=|באַלע=|.
אַ מענטש פֿון מעשים=טובֿים, וואָס טוט טובֿות.

1887 " ער, ע"ה, איז געווען זייער אַ גוטער מענטש,
אַ גרויסער בעל=צדקה און אַ בעל=גמילות חסד". פֿרו 74 38/ב
~~צ' יזפאל~~, נ' 49, ז' 823.

טאָן אַ גמילות=חסד של אמת |שעל עמעס| - טאָן
עמעצן אַ טובֿה ניט ריכטנדיק זיך, אַז יענער זאָל
אים טאָן אַן ענלעכע טובֿה (למשל, גיין צו עמעצנס
לוויה רעכנט זיך פֿאַר אַ גמלות=חסד של אמת.
מע קאָן דאָך ניט ריכטן זיך, אַז דער מת זאָל פֿאַרגיטיקן).

טאָן אַ סאָלדאַטסקע גמילות=חסד – טאָן עפּעס פֿאַר עמעצן
מיט אַ גוטער כּוונה, אָבער וואָס איז ניט גוט פֿאַר
יענעם, וואָס לאָזט זיך אויס שלעכט (אַנאַלאָגיש צו
„טאָן אַ בערישע טובֿה").

שוו: אויף גמילות=חסדים שטייט די וועלט, און אויף ניט אפגעבן גייט זי אונטער - דער ערשטער טייל פון שוו איז לויט אבות, א - 2: "אויף דריי זאכן שטייט די וועלט - אויף תורה, עבודה און גמילות=חסדים".

פּול: מעלקן דעם באָק און גיין צום וואָכערניק נאָך א גמילות=חסד, - וועגן אַן אַרבעט וואָס קאָן קיין מאָל זיך ניט איינגעבן, וועט ניט ברענגען קיין שום רעזולטאַט.

ווען גיט א וואָכ[ע]ניק א גמילות=חסד? - א גאַנצן חול=המועד שבועות - ד"ה קיין מאָל ניט, ווייל שבועות איז ניטאָ קיין חול=המועד.

א שמעק טאַבאַק איז אויך א גמילות=חסד - א קליינע טובה איז דאָך א טובה.

15 גמ - [redacted]

‎.2 ←----

1723 " און גמילות חסדים איז פיל בעשר אלז צדקה".

ס' דרך תמים, 26. 45

6

1743 " אונ' דר מאן האט |...| צדקה אונ' גמילות חסד

גטאן הט הש"י אים מציל גיוועזן פון טוט". 46

קב הישר, 2, לח - !!!.

ג מ י ל ת=ח ס ד  -  ----<  <u>גמילות=חסד</u>.

17

גמיניק - דער, =עס. 1. אײַנוווינער פֿון א גמינע.

P: gminiak

2. באַאַמטער פֿון דער גמינע.

1935 "אָנגעביקסלטע סאָלדאַטן האָבן באַגלייט די דרײַ גמיניקעס אין דער פּוסטער נאַכט=פֿינצטערניש". 59

כ. קאגאן, 1, ז' [?].

רעד: אין פּױליש װוּב איז דאָ נאָר דער ערטשער באַטײַט, אָבער די ציטאַטע טײַט אָן גיכער אויפֿן צווייטן. ש. פּ.

18

ג מ י נ ע - די, =ס. 1. קלענסטער אדמיניסטראַטיווער

איינס איך פּוילן, געניצט ס'רוב פֿאַר דאָרפֿישע יישובים.

אויך די פֿאַרוואַלטונג(אַמט) פֿון דעם איינס.

% די פּאָוויאַטן טיילן זיך אויף גמינעס. די דאָזיקע

גמינע באַשטייט פֿון עטלעכע קלענערע דערפֿער.

P: gmina

1868 " דער גובערנאַטאָר |...| מאַכט אַ ראַספּאָראַזשעניע
62 |=פֿאַראָרדענונג|, מען זאָל אַרײַנטראָגן דעם פּראָסיטעל
(ביטשטעלער) אין דעם בוך פֿון דער אײנהײמישער
באַפֿעלקערונג |פֿון| דער באַטרעפֿנדער <u>גמינע</u> |געמײנדע|".
כאָז 177
<u>~~קמ,~~ נ' 29, 213 - III</u>.

1926 " ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אויסגעקליבן
63 דעם עלטסטן פֿישער פֿאַר אַ וואָיט איבער דער <u>גמינע</u>".
<u>אָפּאַטאָשו, 8, 112</u>.

1968 " טאָמער דערוויסט זיך די <u>גמינע</u>, וועט אַראָפּקומען
קאָנק אַ קאָמיסיע, פּאָליציי |...|". <u>גראַדע, 7, 103</u>.

2. יידישע קהילה אין פּוילן און איר פֿאַרוואַלטונג.
% תלמוד=תורה ווערט אויסגעהאַלטן פֿון דער <u>גמינע</u>.

1925 "וויל ער קאַנדידירן אין דער <u>גמינע</u> אָדער |פֿאַר|
65 אַ גבאַי אין יידישן שפּיטאָל". <u>מוירער, 2, 6</u>.

1944 " פון ר' ישעיה פּריוועסעס דירה |...| צו דער
ייִדישער גמינע איז געוועזן אין גאַנצן עטלעכע טריט". קאַנק
י. י. טרונק, 3, 189.

1970/1971 " לויטן פּנקס פון דער קהילה, איז זלאַטשעוו
81 געוועזן גאָר אַן אַלטע שטאָט, אין וועלכער עס האָט
עקזיסטירט אַ ייִדישע גמינע". יזב ~~זלאַטשעוו~~, ז' 28.

3. דער נאָמען ~~פון דער קהילה אין~~ געוויסע יודענראַטן
אין פּוילן בעת דער צווייטער וועלט=מלחמה.

1952 " די מייִנסטע עדות באַנוצן דאָס וואָרט 'גמינע'
69 אָדער 'קהילה' צו באַצייכענען דעם יודענראַט".
יזב ~~לובלין~~, ז' 343.

1970 " די דײַטשן האָבן פאַרלאַנגט פון דער ייִדישער
67 גמינע, מע זאָל זיי צושטעלן אַ קאָנטינגענט פון
מענטשן אויף פאַרשיידענע אַרבעטן". א. ראָזענטאַל,
יזב ~~זלאַטשעוו~~, ז' 352.

0 גמינעהויז – דאָס, =~הייזער. דער לאָקאַל פֿון דער גמינע=פֿאַרוואַלטונג.

1973 "פֿאַרן גמינעהויז האָבן די מערדער אויך פֿאַרברענט די ספֿר=תּורות". יזב פשיטיק, ז' 280. 71

גמינעקיך – די, =ן. גאָרקאָך, רעסטאָראַן פֿאַר נויטבאַדערפֿטיקע ייִדן, וואָס די גמינע האָט אויסגעהאַלטן.

1973 "|...| עסן האָבן מיר באַקומען אין די גמינעקיכן איין מאָל אין טאָג אַ ביסל צוגעברענטע גרויפּנזופּ אָן אַ טראָפּן פֿעטס". יזב פשיטיק, ז' 284. 73

גמינעראַט – דער, =ן. געקליבענע פֿאַרוואַלטונג פֿון דער גמינע.

גמינע=שרייבער – דער, =ס. באַאַמטער פֿון דער גמינע, סעקרעטאַר.

1973 "|...| די אינטעליגענטערע פֿאַליאַקן פֿון פשיטיק, ווי דער אַפּטייקער, דער ריכטער |...| און דער גמינע=שרייבער, זענען געקומען הערן זיין כּל=נדרי". יזב פשיטיק, ז' 386. 75

ג מ ל |גאַמ(אַ)ל| - דער, =ים, |גמאַלים|.

1. (לל) קעמל (בעל=חי).

2. (שגל) באַצייכענונג פאַר אַ קראַנקן אָדער זייער אָפּגעשוואַכטן געפאַנגענעם אין אַ נאַצישן אויסראָט=לאַגער;

" די גמלס זענען געווען מאַטעריאַל פאַר גאַזקאַמערן, טייל מאָל אָבער ענדיקט מען זיי אויס מיט שטעקנס".

|בלומענטאַל|.

גמ – [redacted].

ג מ ע כ ע ר – ~~די,~~ מצ (פּב) פֿון גמאַך.

1932 " |...| אין גילדענע גמעכער,// וואָס שײַנען ווי

זונען, // ווי פֿײַער די דעכער". פּרעגער, זז' 55–56. 93

1947 " די נאַכט איז פּוסט, און פּוסט די היימען,

גמעכער". לעיעלעס, 4, 280. 94

ג מ ר |גמאַר| – דער, בא. (לל) פֿאַרענדיקונג, סוף,

לעצטער אויספֿיר. % נאָכן אויסהערן ביידע צדדים

האָט דער רבֿ געבראַכט דעם סיכסוך צו אַ גמר.

1820 " און ער זאך לאזין אויף דעם גמר פֿון דער זאך

אויף גאט, כלומר, אז גאט ווט וועלין וועט דיא 95

זאך נגמר ווערין". חובֿות הלבֿבֿות 2, קמה – !.

1897 " איך בייס דיר! |...| פֿאַרשפּאַרטס טראַכטן, זאָג יאָ

און אַ גמר". לעוונער, 4, 9. 96

1957 " |...| ערשט אין מעזריטש איז אָפּגעטאָן געוואָרן

די אַרבעט ביז צום גמר". ה. צייטלין, 52. 97

24/ט

גמר=וואלן - מצ, די. (נש, אהוו) אַפּשליסנדיקע, ענדגילטיקע וואלן.

קומען צו א גמר - קומען צו אַ סוף (איך אַן עניין, סיכסוך, דין=תורה).

גמרא |געמאַרע| — די. 1. באַ. דער צווייטער
טייל פֿון תּלמוד, אויך דער תּלמוד אין גאַנצן.
% לערנען גמרא. דער ישיבֿה=בחור פֿאַרטיפֿט זיך אין דער
גמרא. ער האָט געבראַכט אַ מאמר פֿון דער גמרא.

1864 " דעם ישיבֿה=בחור מאַכט פֿאַרגעניגן אַ שטיקל
אויפֿטו אין דער גמרא". מענדעלע, 12, 96. קאנק

1902 " ער האָט דאָך אויסגעמישט קאַשע מיט באָרשט,
גמרא און ספֿרים און אַלע ביכער". שלום=עליכעם, 121,17. |?| א/ 162

1935 " געהאַט אויף אים אַלע מאָל אַ האַרץ פֿאַר די הונדערטע
בלעטער גמרא, וואָס ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק". 76
באַשעוויס, 1, 49.

1973 " ביקור=חולים ווערט נאָך אין דער גמרא פֿאַררעכנט
|...| צווישן די מיצוות, וואָס זייערע פּראָצענטער 202/א
עסט דער מענטש אויף דער וועלט און דעם קרן אויף
יענער וועלט". מ. ווײַנרײַך, 6, 196.

2. מצ גמרות | געמאַרעס |, יעדער איינע פֿון די טיילן
פֿון דער גמרא.

1900 " רב חיים=חנא |...| איז געזעסן |...| און ג
געלערנט מיט די תּלמידים |...| די גמרא בבא=קמא". 121
שלום=עליכם, 23,6.

1934 " צו דעם ענין וועל איך אײַך ברענגען אַ מעשהלע
פֿון רבה בר בר חנה אין דער גמרא בבא בתרא".
הרב ל. פֿליקמאַן.

1960 " |...| דאַרף איך דאָך לערנען הלכות שחיטה ושריפה
און די גמרא חולין". סיימאָן, 2, 94. 201

3. אַ שטעל, ציטאַטע פֿון גמרא, אַ פֿעסטשטעלונג (הלכה, דין)
פֿון דער גמרא. % ער פֿאַררופֿט זיך אויף אַ גמרא
צו ווייזן אַז ער איז גערעכט.

1912 " טאַמער פֿלעגט אײַזיק=מאיר דיק 'אַרײַנבראַקן'

122 אַ גמרא צי אַ מדרש, האָט עס געהאַט דעם אויטאָריטעט,

אָבער ניט דעם חן פֿון אַמאָל". ניגער, 1, 178.

1968 " דער בחור ברענגט אַ גמרא און פֿרעגט אַ קלאָץ=

קאנק קשיה, דער רמב"ם פּסקנט פּונקט פֿאַרקערט".

גראַדע, 7, 231.

4. מצ גמרות |געמאַרעס| דער בוך מיטן געדרוקטן

טעקסט פֿון דער גמרא. % די גמרות זײַנען אַלע

פֿון ווילנער דרוק.

1888 " הערשעלע האָט פֿון דער שאַפֿע ספֿרים אין קלײַזל

קאנק אַרויסגענומען אַ גמרא 'בבא קמא' און זיך געזעצט

לערנען". מענדעלע, 3, 87.

... " |...| איך לייג יעדער אַרויסגעפֿאַלענע האָר אין

190–189/א דער גמרא אַרײַן". פּרץ, 6, 63.

1968 " יאַנקל עפֿנט ניט קיין גמרא און זײַנע תּלמידים

קאנק טוען אים נאָך". גראַדע, 7, 241.

א בלאט (בלעטל) גמרא — א טייל, א קאפיטל, א טעמע
פון דער גמרא. % לערנען א בלאט גמרא.

אויסטייטשן א בלאט גמרא. — ער קאן אויף אויסנווייניק
100 בלאט גמרא.

1888 " ביי א בלעטל גמרא מיט תוספות לאזט זיך שוין
אויס אלע חכמות". מענדעלע, 3, 87. קאנק

1912 " א יינגעלע, נישקשה, קאן באשטיין וויסן
א בלאט גמרא מיט אלע אויסרעדענישן". ניגער, 6,1. 176/א

1968 " יידן ביים טיש לערנען א בלאט גמרא".
גראדע, 7, 207. קאנק

לייענען/אפּלייענען א בלאט גמרא - לערנען גמרא.

1871 " איך וואר |=בין געווען| דאן אלט צוועלף

176/ב יאר און |...| איך האב שוין געקאנט אפּלייענען

א בלאט גמרא". דיק, ~~ת~~, 51 א׳, צ׳ [?].

1975 " כ׳בין שוין דאן נישט געגאנגען אין חדר,

קאנק אליין געלייענט א בלאט גמרא". באשעוויס, 270.

פֿירזאגן א בלאט גמרא - לייענען פֿאר עמעצן א געוויס קאפּיטל פֿון דער גמרא און אויסטייטשן.

איינבייסן א בלאט (בלעטל) גמרא - גוט פֿארשטיין א שווערן טייל פֿון גמרא.

1888 " אז דאס קינד איז אונטערגעוואקסן און שוין

קאנק אין שטאנד געווען אליין א בלעטל גמרא איינצובייסן,

איז ער ארויס פֿונעם חדר און זיך געזעצט לערנען פֿאר

זיך דא אין קלייזל". מענדעלע, 3, 99.

**א בפּירושע גמרא** – אַ מאמר, פּסוק/הלכה פון דער גמרא,
וואָס מען קאָן ניט אָפּפרעגן.

1400 " ווייַזט דער ליטוואַק א בפּירושע גמרא, די אויגן
שטעכט ער אויס: אַפּילו משה רבינו, ווייַזט ער, האָט
בייַם לעבן ניט געקענט אַרויף אויפן הימל". 142
פּרץ, 4, – אויב ניט נאָך העכער.

1975 " ס'האָט געטראָפן מיט ר' יהודה הנשיא. נאָך דער
פּטירה איז ער יעדן פרייַטיק צו נאַכטס געקומען אַהיים קאנק
מאַכן קידוש. ס'איז א בפּירושע גמרא". באשעווויס, 161,6.

**אַן אָפענע גמרא** – " אַ בפּירושע גמרא, נאָך מער דייַטלעך.
אַן אַ וועלכן פּשט" קטוור.

די גמרא זאגט – עס איז דאָ אין דער גמרא דער
ווייטערדיקער פּסוק (מימרא, דין, הלכה).

1904 " אַז ער וואָלט געווען אַן אָרעמאַן, וואָלט ער
געבליבן ביים לערנען, ווי די גמרא זאָגט: 145
יאה עניותא לישראל". יה"ל, 3, 36.

1968 " די גמרא זאגט דאָך, אַז ווער ס'פּאַרשעמט זיין
חבֿר איז גלייך ווי ער וואָלט פֿאַרגאָסן זיין בלוט". קאנק
גראדע, 7, 331.

אין דער גמרא שטייט (בפּירוש) – דזוו דפּוו.

1875 " עס שטייט בפּירוש אין דער גמרא, |...| אַז דער
וואָס באַהעפֿט זיך מיט זיין ווייב, אַז איין ליכט 147
ברענט, זיינען די קינדער בעלי=נכפּה, רחמנא לצלן".
קבֿ הישר 5, לד – ז.

1925 " עס שטייט אין דער גמרא: גם לי גם לא יהיה".
מוירער, 2, 28.

ברענגען א גמרא – ~~[illegible]~~ ציטירן א ספוק, מימרא פון דער גמרא
ווי א באווייז.

1968 " דער בחור ברענגט א גמרא און פרעגט א קלאָץ= קשיה".
גראדע, 7, 231. קאנק

קנייטשן די גמרא – אריינטײַטשן א סך, לאנג אין דעם
געלערנטן פון דער גמרא, חקירהן, פילפלען זיך.

1912 " קומט ער אָן גראָד ווען חברה, מיד ווערנדיק
פון קנייטשן די גמרא, טוט א ביסל א שטיף". 153
מענדעלע, 24, 31.

שוו: פון א בלעטל גמרא קען מען קיין לאקשן ניט מאכן –
ס׳איז א וויציקע פאראפראזע פון באקאנטן שוו:
אם אין קמח אין תורה; דאָס שפּאַסיקע איז ~~נאך~~ אין דעם
~~ביישפיל: בלעטל גמרא~~

33 גמ - ☛.

וואָרטשפּיל: בלעטל גמרא ( אַ זײַטל פֿון דער גמרא, דאָס לערנען אַ זײַטל גמרא) און בלעטל טייג, פֿון וועלכן מע מאַכט לאָקשן.

אַפּלעבן אַ לעבן מיט אַ מאַן איז ניט אַפּצוזאָגן אַ בלאַט גמרא –

" דער אשת חיל, וואָס דאַרף זאָרגן וועגן פּרנסה, איז שווערער ווי דעם מאַן, וואָס זיצט און לערנט. אָדער אויך: דאָס פּראַקטישע בכלל איז שווערער ווי דאָס טעאָרעטישע" |ייִשפּ XIX - 2, 1959|.

פּער 90,

.1 ←----

1676 " |...| מיר

ג מ ר א=ב ח ו ר |=באָכער| - אַן עלטער יינגל, וואָס
לערנט שוין גמרא. % יאָסעלע איז שוין אַ גמרא=בחור
און לערנט פֿאַר זיך אין בית=מדרש.

ג מ ר א ד י ק |געמארעדיק| - אַדי/אדוו. (שנש)

1. ווי די גמרא, ווי פֿון דער גמרא.

1948 " די וועלט איז דאָרט גמראדיק געווען".

לוצקי, 3, 71. 124

2. אויפֿן שטייגער פֿון אַ גמרא=לערנער. % דאָס בחורל

קנייטשט גמראדיק דעם שטערן.

36

126/א

ג מ ר א=וו אָ ר ט - דאָס, מצ≈ווערטער. וואָרט וואָס מע טרעפֿט צום ערשטן אין גמרא, אויך אַזאַ וואָס ווערט געניצט אָפֿט אין גמרא.

1973 " בית=(ה)כיסא איז אַ גמרא =וואָרט". מ. ווײַנרײַך, 8,200.

ג מ ר א=וו ע ר ט ל - דאָס, =ער. אַפּאָריזם, סענטענץ פֿון גמרא.

1968 " האָט דער באַרעוווער ראש=ישיבֿה זיך צערעדט מיט פֿערלדיקע גמרא=ווערטלעך |...|". גראַדע,7,295.

קאַנק

ג מ ר א=ייִ נ ג ל – דאָס, =ער. ייִנגל וואָס לערנט

(שוין) גמרא, וואָס קען שוין לערנען גמרא.

1870 " אין מײַן צענטן יאָר וואַר איך |=בין געווען|

שוין איין רעכטער גמרא=ייִנגל". איבן דיק, 86,6. 126

1888 " שפּעטער אַ ביסל, אַז הערשעלע איז שוין אַ גמרא=ייִנגל,

הייבט ער |...| אָן פֿאַר איר זיך צו שעמען," קאנק

מענדעלע, 3, 50.

ג מ ר א=ל ש ו ן |געמאַרע=לאשן| – דאס, בא. ספּעציפֿישע שפּראַך פֿון דער גמרא (געמיש פֿון העברעיש און אַרמיש, באַזונדערע טערמינען, קירצונגען א"א).

1946 " גערעדט |...| צו די ווײַבער אויף אַ פּאַרפּלאָ־נטערטן גמרא=לשון, ווי זיי וואָלטן געווען ייִדן לומדים". י. י. טרונק, 302. קאנק

1975 " ער איז א בעל=מדקדק אין לשון=קודש און אויך אין גמרא=לשון". באַשעוויס, 6, 302. קאנק

ג מ ר א=מ ל מ ד |געמאָרע=~~מעמארע=~~מעלאַמעד| – <u>דער, =ים</u>

|=מעלאַמדים|. אַ מלמד, וואָס לערנט קינדער גמרא.

1946 "אויפֿן קומענדיקן ווינטער וועט מען מיך אָפּגעבן

קאנק צו אַ <u>גמרא=מלמד</u>". <u>י. י. טרונק, , 289.</u>

1968 "האָט דער אַלטער <u>גמרא=מלמד</u> געגאָסן ביים אמת".

קאנק <u>גראדע, 7, 174.</u>

ג מ ר א=נ י ג ו ן | גע̄מאַרע=ניגון | - דער, =ים.

כאַראַקטעריסטישער ניגון, וועלכן ישיבֿה=בחורים האָבן געלערנט גמרא.

1881 " |...| לאָזט אַרויס אַ קול פֿון אַ בת=היענה מיט

131 אַ ליטווישן גמרא=ניגון". דלוגאַטש, 2, 17.

1930 " הינטער אַ גמרא=ניגון בושעווען זאַווייען

132 |...|". ליעסין, 2, 9.

1968 " אין מײַנע אויערן הילכן אָפּ די גמרא=ניגונים

173 פֿון די טויזנטער קינדער, וואָס האָבן געלערנט

אין תלמוד=תורה". מ. ראַקאָווסקי, יזב אַטוראַצק, ז' 965.

ג מ ר א נ י ק |געמארעניק| – דער, =עס. 1. דער
וואָס קען גמרא.

2. דער וואָס לערנט גמרא, אַ יינגל(בחור) וואָס לערנט
גמרא.

125 1960 "גמראניקעס גלייבן דאָך אַלעמען". סיימאָן, 9,2.

רעד: פון דעם קאָנטעקסט איז, ניט קלאָר צו וועלכן
באַטייט קאָן פּאַסן די ציטאַטע.

גמ - 1[redacted].

ג מ ר א | געמאַרע |=ק אָ פּ - דער, = ~ קעפּ. זייער

פּעיקער קאָפּ, זייער אַ פּעיקער מענטש, שאַרפֿער מוח.

1960 " צווישן די קבצנים געפֿינען זיך אַלערליי יידן:

יידן למדנים מיט גמרא=קעפּ, יידן בעלי=ספֿר". 134

כּלל 18

א. מרגליות, ~~דש אמעריקאנער~~, XI/25.

|| גמרא=קעפּל - דאָס, =עך. דזוו דפֿוו.

1946 " פֿאַרט אַ גמרא=קעפּל, אביגדור גרוימאַן, און

אַ שאַרפֿער ראַדזינער חסיד". י. י. טרונק, 4, 230. קאנק

43/1



ג מ ר א = ק ו ג ל |געמארע=...| - דער, =ען.

(לאקל, ראסיין, ליטע) קוגל, צווישן די בלעטער טייג

איז געווען שמאלץ, ראזשינקעס און סיראפ |פער90, VII, 69|.

ג מ ר א=ק ו ל |געמאַרע=קאל| – דאָס, =ות|=קוילעס|.

דזוו גמרא=ניגון.

1946 "פֿון הויף האָט מען געהערט דאָס זינגענדיקע

קאנק גמרא=קול פֿון די בחורים". י. י. טרונק, 54,4.

ג מ ר א=ק י נ ד |געמאַרע=קינד| - דאָס, =ער.

דזוו גמרא=ייִנגל.

1872 " די גמרא=קינדער וואַרען |זײַנען געווען| דאָרט די בעסטע שילער". דיק, 59, 12.

135

ג מ ר = ד י ן | גמאָר=דין | – דער, בא. דער סוף פֿון

אַ דין=תּורה, דער פּסק=דין, וואָס דער רבֿ אָדער די

דיינים געבן אַרויס.

... " דער פּסוק: דער אָקס זאָל פֿאַרשטיינט ווערן

שטייט דאָך ביי גמר=דין?". בבא קמא, יג/ ב. 98

............................................................

רעד: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מקור, ווער דער

איבערזעצער, ווו, ווען?

............................................................

ג מ ר = ח ת י מ ה | גמאַר=כסימע | - דער, בא.

דאָס פֿאַרענדיקן אונטערצושרײַבן (פֿרומע ייִדן גלייבן,
אַז אין דער נאַכט פֿון הושענא=רבה ווערן } אין
בית=דין=של=מעלה פֿאַרענדיקט דאָס אונטערשרײַבן/
חתמענען} די ~~קאַטן~~ אַקטן וואָס באַשטימען דעם גורל פֿון
יעדן איינעם אויפֿן גאַנצן קומענדיקן יאָר).

1865 " עס איז הײַנט בײַ אונדז ייִדן הושענא=רבה,
דער גמר=חתימה". דיק, 20, 13. 99

0 גמר=חתימה טובה | ...טויווע|. פֿר. די ווערטער פֿון
אַ טראַדיציאָנעלן ווונטש, וואָס ייִדן גיבן זיך איינע
די אַנדערע אין די טעג פֿון יום=כּיפּור ביז הושענא=רבה.
% איך ווינטש אײַך אַ גמר חתימה טובה!.

גמר טוב|גמאר טאוו | דזוו דפֿוו.

48

1961 " צו אַלעם ערשטן, טייערע פריינד און געסט,

א גמר=טוב און אַ גוט יאר!". ~~צ׳ טמז~~ X /12. 100

פ״ר 69,

1725ם " אונ ווײלן דיא נאכט פון הושענא רבא הײשט 1729?

דיא גמר חתימה, אזו בלײבט כביכול הקב"ה זלבשטן 102

דיא גאנצי נאכט דר בײא ביז דיא גמר חתימה

פאר בײא איזט". תיקוני מועדים, דף 1/18.

49 - אַ

ג מ ר = מ ל א כ ה |גמאַר=מעלאכע| - דער, בא.

(לל) דאָס פֿאַרענדיקן די אַרבעט, דער סוף פֿון דער אַרבעט.

... " דאס איז בשעת גמר=מלאכה, ווען זיי |?| ווערן שוין געפֿליקט". בבא מציעא, פט/א.

רעד: פֿון וואַנען דער מקור?

101

עמ׳:

~~28~~

~~32~~

~~34~~

(56)

~~[illegible] 65–71~~

~~106–104 "~~

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]